# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

שְׁנַיִם לַיּוֹם עֹלָה תָמִיד...

בעזרת השי״ת ▪ פרשת תצוה/שבת זכור תש״פ ▪ גליון ע׳


# ״שחרית - מנחה״

## פון וועלכע שטיקל הייבסטו אן דאווענען?

**דער ענין פון זאגן קרבנות פאר שחרית און פאר מנחה!**

דער וועלט זאגט א ווערטל, ״**ברוך שאמר - והיה העולם**״, ווען דער בעל תפילה זאגט ברוך שאמר, ווערט אן עולם אין ביהמ״ד. ווען איר וואלט געפרעגט אסאך מענטשן, ״לפי האמת, ווען דארף מען אנקומען אין ביהמ״ד?״ וואלטן זיי געענטפערט, ״וואס הייסט? ביי הודו!״ אבער צו זיין דארט פון ברכות און זאגן קרבנות, און אז פון דארטן הייבט זיך אן דער עיקר דאווענען, דאס ווייסן זיי גארנישט.

מען קען ממליץ טוב זיין אויף אונז, אז די יאגעניש און פלאג פון אונזער טאג-טעגליכן לעבן מאכט אונז פארגעסן אדער בכלל נישט וויסן די חשיבות פון זאגן די פאדערשטע חלקים. אבער לאמיתו של דבר דארף א מענטש וויסן ביי זיך, וויפיל מאל ער פארגעסט אדער ער לאזט אויס דעם גאנצן שטיקל דאווענען, אדרבא, פרעגט זיך אליין, ״וויפיל טעג פונעם יאר זאגט איר ״קרבנות פאר שחרית״? וויפיל טעג פונעם יאר זאגט איר ״קרבנות פאר מנחה״?״

עס איז קלאר אז אויב מיר וואלטן מיר געוויסט די געוואלדיגע חשיבות און די גרויסע ענינים וואס די קרבנות האבן אין זיך, וואלטן מיר פיל מער אכטונג געגעבן דערויף. אין די וואכנדיגע פרשה, לערנען מיר איבער די געוואלדיגע מצוה וואס איז נקבע געווארן לדורות, **עולת תמיד לדורותיכם**. ווען מיר וועלן גוט אפלערנען די מצוה און זיך מתבונן זיין אין איר געוואלדיגע חשיבות, וועלן מיר שוין אנדערש צוגיין צום דאווענען!

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**וְזֶה אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה עַל הַמִּזְבֵּחַ, כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה שְׁנַיִם לַיּוֹם תָּמִיד. אֶת הַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר, וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם.**
(שמות כט, לח-לט)

נאכ׳ן מקדש זיין דעם מזבח, זאגט דער אייבערשטער פאר משה, ״מען דארף מקריב זיין אויפן מזבח **כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה, שְׁנַיִם לַיּוֹם תָּמִיד**, פון היינט און ווייטער, זאל מען יעדן איינציגן טאג אן אויפהער מקריב זיין אויפן מזבח צוויי שעפסן פון איין יאר אלט. **אֶת הַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר, וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם**, איינס אינדערפרי און איינס נאכמיטאג...

די תורה ענדיגט צו, **עֹלַת תָּמִיד לְדֹרֹתֵיכֶם** (שם מב), דאס איז א שטענדיגע עולה[א], יעדן טאג אן אויפהער. ווי רש״י זאגט: ״תמיד״, **מיום אל יום ולא יפסיק יום בנתיים**, מען זאל ח״ו נישט אויסלאזן א טאג. אזוי זאל מען זיך אויך פירן אין אלע שפעטער׳דיגע דורות.

און אזוי ווערט גע׳פסק׳נט אין רמב״ם, הלכות תמידין ומוספין פרק א׳: **מצות עשה להקריב שני כבשים עולות בכל יום, והם הנקראים תמידין, אחד בבקר ואחד בין הערבים, שנאמר ״שנים ליום עולה תמיד״** וגו׳.

**בדרך אגב:** אין די פרשה, רעדט מען נאר וואס איז נוגע פאר די שבעת ימי המלואים. דער עיקר ציווי לדורות ווערט איבערגע׳חזר׳ט אין פרשת פנחס (במדבר כח, ג-ח). בכל אופן, טוהן מיר דאס מבאר זיין דא, וויבאלד יעצט איז דאס ערשטע מאל וואס די אידן האבן מקריב געווען א קרבן תמיד. (ועיי״ש ברמב״ן, וז״ל: רש״י כ׳ היא היתה אזהרה לימי המלואים וכאן צואה לדורות, ואיננו נכון...)

אט דער קרבן האט גאנץ כלל ישראל געהאט א שייכות מיט דעם... און עס האט פארנומען זייער א חשוב׳ע פלאץ אין ביהמק״ד, זייענדיג די ערשטע קרבן אינדערפרי און דער לעצטער קרבן פון נאכמיטאג.[ב]

אזוי אויך, איז דאס די איינציגסטע קרבן וואס מען האט שטענדיג מקריב געווען יעדן איינציגן טאג בלי שום יוצא מן הכלל, אפי׳ אין די פארנומענסטע טעג, שבת יו״ט וכו׳. ווי דער פסוק חזר׳ט איבער און איבער (אין פרשת פנחס): נאך יעדע קרבן מוסף, ״עֹלַת שַׁבַּת בְּשַׁבַּתּוֹ - **עַל עֹלַת הַתָּמִיד** וְנִסְכָּהּ״. אזוי אויך, ביי ראש חודש - ״**עַל-עוֹלַת הַתָּמִיד** יֵעָשֶׂה וְנִסְכּוֹ״. מען האט געקענט מוסיף זיין אויפן תמיד, אבער דער תמיד האט געמוזט זיין.

---

[א] דער תמיד איז געווען א קרבן עולה. דהיינו אלעס ווערט אינגאנצן פארברענט אויפן מזבח.

[ב] שאין מקריבין שום קרבן לפני התמיד של שחר ולא לאחר תמיד של בין הערביים. (חוץ מקרבן פסח, שנקרב לאחר התמיד של בין הערביים)



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבינדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

# פארוואס דארף זיין א קרבן תמיד יעדן איינציגן טאג, צוויי מאל א טאג?

כלל ישראל'ס קרבן...

זאגט דער מדרש[ג] (פרשת פנחס): **אר"י ב"ר סימון, מעולם לא היה אדם בירושלים ובידו עון**[ד], עס איז קיינמאל נישט געווען א מענטש אין ירושלים וואס זאל נעכטיגן מיט א זינד, יעדער איז פארצייעט געווארן. ווי אזוי האט דאס פאסירט? זאגט די מדרש: די **תמיד של שחר** האט מכפר געווען אויף אלע עבירות פון ביינאכט (די נאכט פריער) און די **תמיד של בין הערבים** האט מכפר געווען אויף די עבירות פונעם טאג.

אז דער תמיד פארצייעט, איז קיין עבירה נישט דא!

זאגט די פרמ"ג (או"ח סי' רל"ז א'): דערפאר, זאגט מען ביי מעריב "**והוא רחום**", ווייל פון די נייניטע שעה (אחר בין הערבים) ביז ביינאכט, איז נישט דא וואס זאל מכפר זיין ווייל די איברים פון די קרבנות זענען שוין לאנג פארברענט געווארן. דערפאר, זאגט מען "והוא רחום", צו בעטן דעם אייבערשטען "שהוא ברחמיו יכפר עון וגו'". (ב"ח)

**אלעס ווערט פארצייעט דורכ'ן תמיד,**
**אפי' עבירות בין אדם למקום**

ווי דער חתם סופר איז מסביר (תורת משה פנחס): עבירות פון ביינאכט מיינט מען מחשבת עבירה **שבין אדם למקום**. עבירות פון בייטאג מיינט מען הרהורי עבירה פון בייטאג, דהיינו **עניני בין אדם לחבירו**. ווייל די סדר פון מענטשן איז צו זיין מיט אנדערע בייטאג, אבער ביינאכט זיצט יעדער עקסטער ביי זיך אין שטוב...

**מעולם לא היה אדם בירושלים ובידו עון:** ווייל נאכן מקריב זיין צוויי תמידים- איינס אינדערפרי און איינס נאכמיטאג, איז קיין עבירות נישט געווען, נישט בין אדם לחבירו און נישט בין אדם למקום. כלל ישראל איז געווען פארצייעט געווארן פון אלע זייערע עוונות.

## די כפרה האלט אונז ביים לעבן!

דערציילט די גמרא אין תענית (כז:): **אמר אברהם, "רבש"ע, שמא ישראל חוטאין לפניך אתה עושה להם כדור המבול וכדור הפלגה."** א איד, ווי נישט ווי, האט דאך א יצר הרע. האט אברהם געזאגט פארן רבוש"ע, "אפשר וועלן זיך די אידן ח"ו פארזינדיגן און דו וועסט זיי ח"ו פארלענדן ווי די דור הפלגה אדער די דור המבול?"

האט איהם דער אייבערשטער געענטפערט, "ניין! (כלל ישראל וועט מען קיינמאל נישט פארלענדן)." פרעגט ווייטער אברהם, "**רבש"ע הודיעני במה אירשנה**. זאג מיר, וואס זאל איך זיי אויסלערנען אז עס וועט פארצייען אויף זייערע עבירות[ה] און זיי וועלן נישט דארפן ווערן באשטראפט." ענטפערט איהם דער אייבערשטער, "**קחה לי עגלה משולשת ועז משולשת וגו'**: ווען זיי וועלן נעמען קרבנות, וועלן זיי ווערן פארצייעט אויף אלעם..."

דערפאר, זאגט דארט רב יעקב בר אחא: **אמר רב אסי, אלמלא מעמדות לא נתקיימו שמים וארץ... שאלמלא הקרבנות**[ו] **היו ח"ו הכלל ישראל כלים בחטאן, ומביאן כלין שמים וארץ, העומדים רק בזכותן** ... אונזער זיידע אברהם האט באקומען א צוזאג פאר זיינע אייניקלעך אז כל זמן וואס די אידן וועלן מקריב זיין קרבנות פארן אייבערשטער, וועט זיי קיין שלעכטס נישט פאסירן...

**וכך הוי:** כל זמן וואס די אידן האבן מקריב געווען די קרבן תמיד, הן בבית ראשון, והן בבית שני, אפי' ווען זיי זענען שוין ליידער געווען אין א מצב פון נחתם גזר דינם צו ליידן גלות וכד', האט מען נישט געקענט בייקומען כלל ישראל און זיי שלעכטס טוהן, כל זמן וואס זיי האבן מקריב געווען א קרבן תמיד יעדן טאג.

ווי די ירושלמי ברכות דערציילט (גמ' דף לא פרק ד' ה"א וכן הוא בבבלי מנחות ס"ד:): (בזמן בית שני), **א"ר לוי, אף בימי מלכות רשעה הזאת היו משלשלין להן שתי קופות של זהב והיו מעלין להם שני כבשים**... יעדן טאג, פלעגן די אידן פון די אנדערע זייט חומה אראפשיקן צוויי בעסקעט"ס פון גאלד פאר די שונא, כדי מען זאל זיי צוריקשיקן צוויי שעפסן פארן קרבן תמיד... ביז די שונאים האבן זיך געכאפט אז דאס טוט זיי מונע זיין פון איינעמען ירושלים, האבן זיי צוריק געשיקט צוויי חזירים אנשטאט די שעפסן. דערציילט די גמרא: **לא הספיקו להגיע לחצי חומה עד שנעץ החזיר בחומה ונזדעזעה החומה וקפץ מ' פרסה מארץ ישראל**, די חזירים זענען ניטאמאל אנגעקומען ביז צו האלב פון די חומה, ווען ער האט ארייגעשטעקט זיין פיס אין די חומה. יענע מינוט, האט די גאנצע חומה געטרייסלט און אוועקגעשפרינגן פערציג פרסה פון ארץ ישראל. (דאס איז ליידער געווען ביום שבעה עשר בתמוז). ענדיגט צו די ירושלמי: **באותה שעה גרמו העונות ובטל התמיד וחרב הבית**, יענע מינוט, האט די עוונות פון כלל ישראל גורם געווען אז מען האט שוין מער נישט געקענט מקריב זיין די תמיד און ליידער איז די ביהמ"ק חרוב געווארן.

**אז עס איז נישט דא קיין תמיד, איז נישט דא קיין שמירה!**

**היוצא לנו מזה:** דער אייבערשטער, ברוב רחמיו וחסדיו, האט אזוי שטארק ליב כלל ישראל אז ער האט געוואלט זיי זאלן קענען האבן אן עקסטערע שמירה. אפי' אויב מען וועט ח"ו זינדיגן, זאלן זיי נישט באשטראפט ווערן אזוי הארב, נאר האבן א מיטל צו קענען גלייך תשובה טוהן און ער וועט זיי מוחל זיין. האט דער אייבערשטער באפוילן פאר משה רבינו, סיי אין פרשת תצוה און סיי אין פרשת פנחס... **צַו אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אֶת קָרְבָּנִי לַחְמִי לְאִשַּׁי רֵיחַ נִיחֹחִי תִּשְׁמְרוּ לְהַקְרִיב לִי בְּמוֹעֲדוֹ. וְאָמַרְתָּ לָהֶם זֶה הָאִשֶּׁה אֲשֶׁר תַּקְרִיבוּ לַה' כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה תְמִימִם שְׁנַיִם לַיּוֹם עֹלָה תָמִיד**[ז]... כדי די אידן זאלן קענען זיין כסדר מיט א שמירה עליונה , דארף מען מקריב זיין קרבנות.

* * *

---

[ג] במדבר רבה כא כא, תנחומא פנחס אות יג

[ד] ובתנחומא הנוסח הוא מעולם לא "לן" אדם בירושלים...

[ה] כלומר הנני מבקש לדעת באיזו זכות יתקיימו שלא ייעשה בהם כליה (מהרש"א חדושי אגדות)

[ו] עיי"ש פי', "היינו עיסקי הקרבנות שישראל עושין",

[ז] ועי' פי' רש"י (במדבר כח ד) ואע"פ שכבר נאמר בפרשת ואתה תצוה "וזה אשר תעשה" (קרבן תמיד) היא היתה אזהרה לימי המלואים, וכאן צוה לדורות. ועי' בפי' הרמב"ן שכ' על דבריו "ואיננו נכון" כי שם אמר עלת תמיד לדורותיכם, אלא החזירו התורה בפרשת פנחס להיות הכל סדור בפרשה אחת הגם ששניהם נאמר לדורות.



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

# תינח בזמן שבית המקדש קיים.
# בזמן שאין בית המקדש קיים, מה תהא עליהם?

נאכן הערן פונעם אייבערשטען די געוואלדיגע גרויסקייט פון די קרבנות, פרעגט אברהם אבינו ווייטער...

"**רבש"ע! תינח בזמן שבית המקדש קיים**, פארשטיי איך ווי אזוי די אידן וועלן האבן א כפרה, אבער **בזמן שאין בית המקדש קיים**, וואס וועט זיין מיט די אידישע קינדערלאך, ווי אזוי וועלן זיי דעמאלטס האבן א כפרה?" זאגט איהם דער אייבערשטער, "**כבר תקנתי להם סדר קרבנות**... איך האב שוין אנגעגרייט פאר זיי א סדר פון קרבנות, עס איז געשריבן אין מיין תורה. ווען די אידן וועלן לייענען די פרשה פון קרבנות, וועל איך זיי פאררעכענען ווי גלייך זיי וואלטן דאס בפועל ממש געטוהן און איך וועל זיי דעמאלטס אויך מוחל זיין אויף אלע זייערע זינד."

און דאס האט דער אייבערשטער מודיע געווען פאר משה רבינו אין פרשת ויקרא, "**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר**." זאגט דער אהבת שלום: דער אייבערשטער האט יעצט מודיע געווען פאר משה די טייטש פון "**לאמר**". "טייערע משה, עס וועט קומען א צייט וואס עס וועט נישט זיין שייך צו מקריב זיין קרבנות און עס וועט נישט זיין קיין אוהל מועד. פאר די צייטן, האב איך אנגעגרייט א ספעציעלע זאך- "**לאמר מאוהל מועד**", מען וועט קענען זאגן די קרבנות (פונעם אוהל מועד) און איך וועל דאס רעכענען פאר זיי ווי גלייך זיי האבן באמת מקריב געווען קרבנות."

דערפאר, פסק'נט די טור אין ב"י (או"ח סי' מח'): **וקבעו לדורות לקרות פרשת התמיד**, והוא במקום הקרבת קרבן התמיד, שכן קבלו חז"ל שבזמן שאין בה"מ קיים ואין יכולין להקריב קרבנות, מי שעוסק בהן ובפרשיותיהן מעלה עליו הכ' כאילו הקריבום. (משנ"ב מח א)

נו! אויב איז דאס כאילו מען איז מקריב קרבנות, דארף עס דאך זיין ווי מער ענדליך. דערפאר זאגט די מג"א: מען זאל דאס זאגן שטייענדיג, **דוגמת הקרבנות שהיה בעמידה**. אזוי אויך, שרייבט די ביה"ל (סי' א' סעיף ה') בשם הזוהר: **וטוב לומר פרשת התמיד ושאר הפרשיות דווקא בביהכ"נ**. ווי די שערי תשובה (שם ס"ק א') איז מסביר: וויבאלד די עבודת הקרבנות איז געווען אין ביהמ"ק, אזוי אויך זאלן די קרבנות געזאגט ווערן אין ביהכ"נ שהוא מקדש מעט. אז מיר ווילן דאס צוגלייכן, זאל דאס זיין אינגאנצן גלייך.

און פונקט ווי די קרבנות דעמאלטס האט פארציייעט אונזערע עוונות, אזוי אויך בעטן מיר דיר רבוש"ע...

> "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתְּרַחֵם עָלֵינוּ וְתִמְחוֹל לָנוּ אֶת כָּל חַטֹּאתֵינוּ. וּתְכַפֵּר לָנוּ אֶת כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ. וְתִמְחוֹל וְתִסְלַח לְכָל פְּשָׁעֵינוּ. וְשֶׁתִּבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְנַקְרִיב לְפָנֶיךָ קָרְבַּן הַתָּמִיד שֶׁיְּכַפֵּר בַּעֲדֵנוּ. כְּמוֹ שֶׁכָּתַבְתָּ עָלֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ עַל יְדֵי מֹשֶׁה עַבְדְּךָ כָּאָמוּר."

דעם יה"ר זאגן מיר דייקא פארן אנהייבן זאגן די פרשה פונעם תמיד! ווייל טאקע דאס האט די תמיד געטוהן פאר אונז, געהאלפן פארצייען און פארגעבן אונזערע עוונות.... כדי מיר זאלן האבן א קיום.

לאמיר געבן א קוק אויף דעם מורא'דיגן לשון פון דעם קב הישר (פרק נ"ט בא"ד): **ואל יהא קל בעיניך אמירות פרשת הקרבן בכל יום, כי בכל יום ויום בבקר מתעורר חיצוני אחד הנקרא תול"ע, הוא מתחיל לקטרג על העברות שעשו ישראל בלילה, ובהקרבת תמיד של שחרית, היו מחלישין ומתישין את כחו, ואל זה יכוון באמרו פרשת תמיד עול"ת תמיד, העשויה בהר סיני.** (ר"ל עול"ת הוא אותיות תול"ע בהיפוך אתוון) יא! היינטיגע צייטן דארפן מיר אויך די שמורה!

מורא'דיגע ווערטער, ווער וויל דען נישט פטור ווערן פון מקטריגים?! און ווערן באהיטן דעם גאנצן טאג פון אלע מיני צרות ר"ל. מיטן זאגן ערליך דעם קרבן תמיד יעדן אינדערפרי, חוץ וואס מיר זענען מקריב קרבנות און באקומען א כפרה, שוואכן מיר אפ די מקטריגים...

און אזוי אויך שטייט אין תפארת שלמה אין פרשת פנחס, בא"ד: **ועתה בעוונותינו הרבים שבוטל התמיד ואין לנו לא מזבח ולא קרבן**, מיר האבן ליידער נישט קיין תמיד, נישט קיין מזבח און נישט קיין קרבן... דער אייבערשטער האט צוגעזאגט (פאר אברהם אבינו) אז ווען מיר וועלן עוסק זיין אין די פרשה פון ד קרבנות, וועט ער אונז דאס פאררעכענען כאילו מיר וואלטן דאס באמת געטוהן על דרך "ונשלמה פרים שפתינו".

**על כן**, זאגט די תפארת שלמה: **כמו שהיו בתמידין ישראל במעמדן**, פונקט ווי אין די ביהמ"ק, ווען מען האט מקריב געווען די תמיד, זענען דארט געווען די אנשי מעמד. אזוי אויך יעצט, ווען דו גייסט דאווענען שהוא במקום הקרבן, זאל דאס זיין בציבור. **וכשם שהקרבנות נקרבו ברעותא נפשא ולבא**, פונקט ווי די קרבנות האט מען מקריב געווען מיטן גרעסטן ווילן און פולן הארץ, אזוי אויך דארף די תפילה זיין מתוך עומק הלב בתלהבות ובתשוקה... דאס גאנצע דאווענען און זיכער די פרשה פון די קרבנות, זאל אויסקוקן ווי אן אמת'ע עבודה מיטן פולסטן ברען און הארץ.

**ווייל טראכט אריין, וואס דא קומט פאר, דו ביסט יעצט דער כהן און דו גייסט יעצט טוהן דער עבודה!**

# מעשה רב

מען דערציילט נאך אז אמאל איז א איד געקומען צום אפטער רב, דער **בעל אוהב ישראל זי"ע** און געוויינט פאר איהם, "רבי, איך האב א גרויסע צרה... און איך בעט אז דער רבי זאל מתפלל זיין פאר מיר..."

האט אים דער אפטער רב געפרעגט, "און אויף די שרעקליכע זאך וואס האט היינט פאסירט, דאס טוט דיר נישט וויי? אויף דעם דארף מען נישט מתפלל זיין?"

אינגאנצן פארוואונדערט, פרעגט דער איד, "רבי, וואס האט פאסירט? איך האב גארנישט געהערט?!"

זאגט איהם דער אפטער רב, "היינט האט פאסירט א שרעקליכע זאך. מען האט נישט מקריב געווען דעם קרבן תמיד"!

**"אוי ווי, וואס וועט זיין?? דאס איז א גרויסע צרה!!"**



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

# מוסר השכל

צוויי מאל א טאג, איינמאל אינדערפרי און איינמאל נאכמיטאג, דאווענען מיר שמונה עשרה אלץ זכר צו די קרבן תמיד. **את הכבש האחד**, זאגט דער בעל הטורים **(תצוה כט, לט)**: הכא כתיב "האחד" שעולה י"ח, רמז לי"ח ברכות שבתפילה שתקנו כנגד תמידין.

נישט נאר אז דער עצם תפילה איז א זכר צום תמיד, נאר עס דארף זיין ממש בזמן הקרבת המנחה. און ווי מער מיר זענען מהדר אויפן זמן, אלץ מער מהודר איז דאס...

אויב אזוי, שטעלט זיך דער קשיא: ווי אזוי ארבעט דאס אז אלעס ארום דעם תמיד טוהן מיר מקיים זיין, אבער דער עצם אמירת התמיד פארגעסן מיר צו זאגן?!

נאר עס מוז זיין אז היינטיגע צייטן, היינו טעמא דשופר והיינו טעמא דמגילה, אונזער געיעג און פלאג פונעם טאג-טעגליכן לעבן מאכט אונז פארגעסן אדער בכלל נישט וויסן די חשיבות פון זאגן די פאדערשטע חלקים.

אויב כאפן מיר קוים דעם מנין, מיט לעצטן אטעם, ווי קענען מיר טראכטן פון די חלקים וואס קומט פריער?

פרשת **זכור את אשר עשה לך עמלק, אשר קרך בדרך**, טייטשן די ספרים: **אשר קרך**, עמלק האט קאלט געמאכט די אידן. ווי אזוי מאכט מען קאלט איינעם? דורך אים נישט לאזן טראכטן... **הושענא נפש מבהלה**, האבן מיר זיך געבעטן ביי די הושענות. ווייל ווען מיר זאלן זיך אפשטעלן פאר איין רגע פארן אריינגיין אין ביהמ"ד און אריין טראכטן "וואס גיי איך יעצט טוהן?!" און "פון וואו גיי איך אנהייבן מיין מנין? פון וואו ביז וואו גיי איך יעצט דאווענען?" וואלט אונזער גאנצע צוגאנג צום דאווענען אינגאנצן אנדערש געווען!

**לאמיר זיך פארשטעלן...** ווי אזוי איז דער כהן צוגעגאנגען צו די עבודה? ער איז אויפגעשטאנען נאך פארן עלות מיט א חשק און שנעל געלאפן אין מקוה כדי ער זאל זיין צוריק פארן גורל פונעם קרבן תמיד. ער איז אריינגעקומען אין ביהמ"ק מיט א ברען און א געוואלדיגע יראת הכבוד, ער שטייט און ווארט פאר די מינוט וואס ער וועט שוין קענען אנהייבן די עבודה. ער האט זיך געפילט ווי דער גליקליכסטע מענטש אין דער וועלט אז ער האט די זכייה זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטען.

ווען מיר זאלן באמת גלייבן אין די בחינה פון "**וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ**" און מיר וואלטן געשפירט אז עס איז אן עכטע לעבעדיגע זאך, דעמאלטס איידער מיר גייען דאווענען, וואלטן מיר גוט אריינגעטראכט- וואו גייען מיר יעצט? מיר גייען אריין אין ביהמ"ק... (אונזער מקדש מעט). וואס גייען מיר טוהן דארטן? מיר גייען טוהן אן עבודה, מיר גייען יעצט מקריב זיין א קרבן תמיד (דאווענען)... ווי גליקליך זענען מיר. נא, וואו זענען די ישראלים במעמדן? אהא! דארט איז דא א פיינער ווארימע מנין. און וואו איז דער כהן? אה, איך בין גאר דער כהן! אויב אזוי, מיט וואספארא חשק גייט דאס זיין? מיט וואספארא דחילו ורחימו? און וואספארא גוטע טעם בלייבט אין מויל פון אזא דאווענען, מען שפירט ממש ווי דער קרבן איז אנגענומען געווארן.

און פונקט ווי די תמידים האבן געהאט צייטן, דארפן מיר אויך האבן צייטן (סוף זמן תפלה, וכדו'). דאס איז מיין קרבן אין אונזערע צייטן און דאס גייט מיר ברענגען סליחה מחילה און כפרה, און א שפע רב. פארפאסט נישט די געלעגנהייט...

# צידה לדרך

## בזמן שבית המקדש היה קיים...

**נאר קוקן אויף די הייליגע כהנים, ווי אזוי זיי האבן געטוהן די עבודה, האט געברענגט יראת שמים און חשק צום לערנען**

ע' תוס' (בבא בתרא כא.) אויף דעם וואס חז"ל זאגן, אז מען האט מתקן געווען **שיהו מושבין מלמדי תינוקות בירושלים**, מען האט אוועקגעזעצט די מלמדים פאר קינדער אין ירושלים. ד"ה, אז זיי זאלן האבן זייערע חדרים אין ירושלים. (חז"ל האבן דאס ארויסגעלערנט פון די פסוק "כי מציון תצא תורה")

פרעגט תוס': פארוואס פונקט אין ירושלים? זאגט תוס': **לפי שהיה רואה קדושתה גדולה, וכהנים עוסקים בעבודה.** ווייל ווען א קינד האט געזעהן די געוואלדיגע קדושה, ווי אזוי די כהנים טוהן די עבודה, **היה מכוון לבו יותר ליראת שמים וללמוד תורה**... האט ער אסאך מער צוגעליגט זיין הארץ פאר יראת שמים און וועלן לערנען תורה.

---

## ווי אזוי האט די תמיד מכפר געווען? ווי אזוי האבן מיר א קיום היינטיגע צייטן?

זאגט דער ילקוט מעם לועז (פרשת פנחס בשם האלשיך הק'): א מענטש זאל ח"ו נישט טראכטן אז דערפאר האט דער אייבערשטער געהייסן ברענגען קרבנות, ווייל ער דארף אונזערע בהמות... אויב דארף כביכול די בהמות, דארף ער נישט אונז פאר זיינע שליחים. די גאנצע וועלט געהערט דאך פאר איהם און ער קען זיך אליין מסדר זיין מיט וואס ער וויל און ווען ער וויל. ער דארף נישט אונזערע טובות.

**נאר די סיבה איז כדי צו מכניע זיין אונזער הארץ**, ווען א מענטש וועט זעהן ווי מען שחט די בהמה און מען פארברענט דאס אין פייער, וועט ער זאגן ביי זיך אין הארצן, "באמת וואלט מען געדארפט טוהן די אלע זאכן מיט מיר. איך בין דאך דער חוטא און איך בין דער וואס וואלט געדארפט באשטראפט ווערן. נאר וואס דען? וויבאלד דער אייבערשטער איז דאך א "קל רחום וחנון", איז ער מסכים אנצונעמען די אלע דינים אויף א בהמה כאילו מען טוט דאס פארן מענטש. ד"ה, יעדע זאך וואס מען טוט פארן בהמה איז גלייך ווי מען וואלט דאס געטוהן פארן מענטש... ווען א מענטש וועט דאס טראכטן, וועט ער זיכער תשובה טוהן און מכניע זיין זיין הארץ פארן בוכ"ע. פירט אויס דער מעם לועז: דערפאר שטייט "**צו את בני ישראל ואמרת אליהם**", דער אייבערשטער האט באפוילן פאר משה **ואמרת אליהם** אז ער זאל זיי קודם מסביר זיין דעם גאנצער ענין פון קרבנות, פארוואס מען ברענגט דאס, און עס איז אויף קיין שום פאל נישט צו זעטיגן דעם אייבערשטען, חס וחלילה. דאס גאנצע ענין איז כל כולו, נאר פאר זייער אייגענע טובה ווענגן, זיי זאלן האבן א כפרה און קענען לעבן ווי לענגער...

און בנוסף לזה האבן די כהנים געדאווענט און מתפלל געווען צום רבוש"ע א ווארימע תפלה פאר גאנץ כלל ישראל, ווי די גמרא זאגט (שם בתענית): ת"ר אנשי משמר היו מתפללין על קרבן אחיהם שיתקבל ברצון, איז אודאי די קרבן נתקבל געווארן לרחמים ולרצון. (עיי"ש ברבינו גרשום)